#ביידע אנטלאפענע מערדער געכאפט; איינער טויט, צווייטער ערנסט פארוואונדעט

ענדליך, נאך איבער 3 וואכן פון ווען די 2 געפערליכע מערדער זענען אנטלאפן פון די טורמע, האט מען זונטאג געקענט שליסן דאס קאפיטל ווען מ׳האט שוין געכאפט ביידע פון זיי. דער ערשטער איז געכאפט געווארן פרייטאג נאכמיטאג אבער יענער איז דערשאסן געווארן צום טויט, דער צווייטער איז ערשט זונטאג נאכמיטאג געכאפט געווארן, אבער אים האט דאס מזל בעסער געשפילט אז ער איז בלויז קריטיש פארוואונדעט געווארן, און איז אפגעפירט געווארן אין שפיטאל.

מיר ווען בעריכטן לויט די געשעענישן אנגעהויבן פון פרייטאג נאכמיטאג:

## ערשטער מערדער ווערט געשאסן צום טויט פרייטאג נאכמיטאג

ריטשארד מעט, איינער פון די 2 מערדער וועלכע זענען 3 וואכן צוריק אנטלאפן פון די קלינטאן מאקסימום זיכערהייט טורמע אין דענעמארא, ניו יארק, איז ענדליך פרייטאג געכאפט און געשאסן געווארן. ער איז געכאפט געווארן ארום 30 מייל פון די טורמע, ביי לעיק טיטוס, אין מעלאון, ניו יארק.

מ׳האט נישט נאכגעלאזט פון די אינטענסיווע זיכונגען זינט דער 49 יעריגער ריטשארד מעט און 35 יעריגער דעיוויד סוועט זענען אנטלאפן פון די טורמע. פאריגע וואך איז געקומען דער ערשטער גרויסער דורכבראך ווען מ׳האט געפונען "די ען עי" אין א כאטקע וואס ווערט גענוצט דורך "האנטערס", ספארטלער וואס גייען אויף יאגד צו שיסן פויגל אדער חיות. דאס האט פעסטגעשטעלט אז ביידע, סוועט און מעט, זענען געווען אין יענעם הייזקע יוני 20, לויט די פרישקייט פון די "די ען עי" וואס מ׳האט געפונען.

מען האט זאפארט מאביליזירט די איבער 1,000 פאליסלייט, סטעיט טרופערס, פארעסט רענדזשערס און גרעניץ וועכטער און אלע אנדערע אינסטאנצן וואס זענען געווען טעטיג אין די אקציע צו קאנצענטרירן זיך אין יענע געגענט, ווייל דאס ווייזט אז די 2 מערדער זענען פאקטיש נישט צו ווייט אנטלאפן. מ׳האט געלייגט א באזונדערן געוויכט אויף דעם שטח וואס איז אויף צפון פון דארט, אזוי ווי דאס איז זייער נאענט צו די קאנאדער גרעניץ.

די זיכונגען זענען געווען זייער שווער, ווייל די רעדע איז פון גערדיכטע וועלדער און אין די וועלדער זענען דא אזעלכע הייזקעס וואס ווערן נישט גענוצט א גאנץ יאר, סיידן ווען די ספארטלער קומען אויף יאגד, וואס דאס איז געווענליך נאכ׳ן זומער. אין די הייזקעס איז אבער דא פארשידענע לעבענסמיטלען און אויך גאנס, האט מען פארשטאנען אז די 2 מערדער האבן זיך באוואפנט ביים איינברעכן אין אזעלכע הייזער און האבן אויך געהאט פון וואס צו לעבן. (דאס איז טאקע באשטעטיגט געווארן ביי די פאלמעסונג פון מעט, ווען מ׳האט געזען אז ער איז נישט געווען אויסגעהונגערט.)

מען האט שוין פריער געבעטן פון אלע איינוואוינער איבעראל אין די געגענטער וואו מ׳זוכט, אז זיי זאלן זיך אומקוקן צי זיי זעען עפעס אויפפאלענד אויף זייער פראפערטי, צי עמיצער האט פיליכט איינגעבראכן א.ד.ג. אין די וועלדער איז אויך דא אלטע קארס אדער טרעקלעך וואס אזוי ווערט מען פטור פון זיי ווען מ׳קען עס שוין נישט נוצן צו פארן. פאר אזעלכע אנטלאפענע ארעסטאנטן איז דאס אבער א גוטער דאך איבער׳ן קאפ וואו איבערצונעכטיגן אדער סתם אזוי זיך אפצורוען פון צייט צו צייט.

יעדעס מאל ווען מ׳האט זיך דערנענטערט צו א הויז, א כאטקע אדער אזא טרעקל, זענען די פאליסלייט געגאנגען מיט גרויס פארזיכטיגקייט. זיי האבן טאקע בולעטפרוף וועסטלעך, זייענדיג באוואפענט פון קאפ ביז פיס, אבער מ׳קען דאך נישט וויסן וואס עס וועט זיי דארט אפווארטן. די מערדער האבן נאך יארן צוריק געזאגט אין די טורמע אז זיי האפן צו אנטלויפן, און אויב זיי אנטלויפן, וועט מען מער זיי קיינמאל נישט זען אין די טורמע, וואס מיינט אז זיי זענען גרייט צו הרג׳נען און גע׳הרג׳עט צו ווערן, אבער נישט צוריקקומען אין די טורמע. דאס ווייזט אויף דעם גרויסן געפאר מיט וואס עס ריזיקירן די וואס זוכן די אנטלאפענע מערדער.

עס איז גאנץ פארשטענדליך אז נאכ׳ן שמאכטן אזוי פיל יאר אין די געפערליכע טורמע, וואו מען לעבט נישט ווי מענטשן, וואו אלעס איז אנגעפיקעוועט מיט געוואלדטאטן און רציחה, ווילן זיי בשום אופן נישט צוריקגיין אהין. דער טויט איז זיי שוין לייכטער ווי דאס שווערע לעבן און די פייניגונגען וואס עס ווארט אויף זיי אויב זיי גייען יא צוריק אין אזא טורמע. אזעלכע סארט אנטלאפענע ארעסטאנטן זענען די געפערליכסטע, ווייל זיי האבן פון גארנישט מורא, זיי קענען באשטיין געשאסן צו ווערן און מאכן אן ענדע צו זייער פארביטערט לעבן, ווי איידער געכאפט צו ווערן וואו זיי וועלן גאנץ זיכער אויך געפייניגט ווערן דורך די וועכטער וואס כאפן זיי ביז זיי קומען אן צוריק אין די טורמע.

פרייטאג נאכמיטאג ווען די גרעניץ וועכטער זענען ארומגעגאנגען זוכענדיג אין די וועלדער, האבן זיי זיך דערנענטערט צו איין פארדעכטיגטע הייזקע. זיי האבן געזען אינעווייניג אז עמיצער איז דארט געווען גאנץ לעצטענס. זיי האבן געפונען שמוציגע וועש, א ליידיגע בראנפן פלאש און א צווייטע פלאש וואס איז געווען האלב ליידיג. שפעטער האבן עקספערטן פעסטגעשטעלט אז איינע פון די פלעשער איז געעפנט און אויסגעטרונקען געווארן בלויז עטליכע שעה פריער.

זיי האבן פארדעכטיגט אז איינער פון די מערדער דרייט זיך דארט, ווייל איינער האט פרובירט צו פארכאפן א קעמפער "ווען", אבער דער דרייווער האט באוויזן צו אנטלויפן און האט באלד טעלעפאנירט "911".

אין געציילטע מינוטן איז שוין פול געווען מיט פארשידענע סארט פאליסלייט און ווען זיי האבן זיך דארט ארומגעדרייט זוכענדיג, האבן די וועכטער געהערט עפעס א גערודער אין דערנעבענדיגן וואלד, וואס צוערשט האבן זיי געטראכט אז פיליכט קומט דאס פון איינע פון די באשעפענישן, אבער עס איז זיי יא געווען פארדעכטיגט, ווייל עס האט אויסגעזען ווי עמיצער האט געהוסט. זיי האבן טאקע געזען מעט מיט׳ן ביקס אין די האנט. די וועכטער האבן געשריגן אז ער זאל אראפווארפן די ביקס און אויפהויבן די הענט, און ווען ער האט דאס נישט אויסגעפאלגט אין די רגע, האבן זיי אים געשאסן און ער איז געפאלן טויט.

נאכ׳ן שיסן מעט האט מען גענומען זיין ביקס פאר אן אונטערזיכונג. ער האט עס גע׳גנב׳עט אין איינע פון די 2 כאטקעס וואו ער האט איינגעבראכן פאריגע וואך.

א פאלמעסונג האט זונטאג געוויזן אז דער פעדעראלער גרעניץ וועכטער וואס האט גע׳הרג׳עט מעט האט אים געטראפן מיט 3 קוילן אין קאפ שיסענדיג מיט זיין סעמי-אויטאמאטישע ביקס.

דער פאטאלאג, דאקטאר מייקל סיקיריקא, פון אלבאני, האט אויך איבערגעגעבן וויפיל מעט האט געליטן פון דעם אנטלויפן. זיין קערפער איז געווען באדעקט מיט בלאטערן און ביסן פון שרצים, און האט אויך געהאט פארשידענע וואונדן וואס מ׳זעט ביי מענטשן וואס לעבן א פאר וואכן אין די וועלדער. דאס האט געוויזן ווי אזוי דער נאך אלץ געזיכטער 35 יעריגער דעיוויד סוועט זעט ווארשיינליך אויס, וואס אויך זיין קערפער איז שוין ווארשיינליך נישט אין א 100 פראצענטיגן צושטאנד, איבערהויפט נאכ׳ן שווערן וועטער די טעג, אין יענע וועלדער.

דער פאטאלאג האט אויך געזאגט אז מעט איז געווען ריין, וואס מיינט אז ער האט רעגלמעסיג גענומען א שאוער. ער האט אויסגעזען אין א גוטן געזונט צושטאנד, ער איז נישט געווען אויסגעהונגערט, ווייל ער האט זיך אויך אויסבאהאלטן אין הייזער וואו עס איז געווען צו עסן און טרינקען.

לויט געוויסע באריכטן האט זיך דערנאך גערדאכט פאר די פאליציי אז זיי הערן עמיצן לויפן צווישן די ביימער. זיי האבן באלד באשאסן די גאנצע אומגעגענט ווייל זיי האבן פארדעכטיגט אז דעיוויד סוועט איז דארט, אבער ווען זיי זענען אריינגעגאנגען האבן זיי גארנישט און קיינעם געטראפן.

דער לאקאלער שעריף האט פרייטאג דערקלערט מיט א זיכערקייט אז זיי האבן אזוי גוט באלאגערט דעם גאנצן וואלד, אז עס וועט נישט דויערן קיין 48 שעה ביז זיי וועלן כאפן סוועט, לעבעדיג אדער טויט, אבער אנדערע האבן אויסגעדריקט צווייפלען צי סוועט און מעט האבן זיך פיליכט אפגעטיילט, וואס אויב יא, איז שוין סוועט גאנץ מעגליך אנטלאפן אין אן אנדערע ריכטונג און מ׳האט דערווייל נישט קיין שום שפירן איבער אים.

עס איז א סברא אז דאס איז אזוי געשען, ווייל מעט איז געווען טויט-שיכור ווען מ׳האט אים געשאסן. ער האט געשטונקען פון בראנפן. ווייזט





**איין הייזקע אין דעם געדיכטן וואלד וואו דער מערדער האט זיך אויפגעהאלטן**

אין די וועלדער זענען דא הונדערטער אזעלכע הייזקעס וואס די ספארטלער נוצן ווען זיי קומען אויף יאגד, וואס דאס איז געווענליך נאכ׳ן זומער. אין די הייזקעס זענען דא פארשידענע לעבענסמיטלען און אויך גאנס, אזוי האבן די מערדער זיך באוואפנט און אויך געהאט פון וואס צו לעבן.



דאס איז א בילד וואו די 2 מערדער שפאצירן פאריגן מיטוואך וואס איז אויפגעכאפט געווארן אין איינע פון די קאמעראס וואס זענען אויסגעלייגט אויף די "טרעילס". דאס האט באשטעטיגט פאר די אינסטאנצן אז די 2 מערדער זענען נאך דאן געווען אינאיינעם




אויף רעכטס זעט מען די טורמע אין דענעמארע, אונטן איז טשעסעם פאלס און לעיק טיטוס וואו מ'האט גע'הרג'עט מעט, העכער דעם זעט מען קאנסטעבל וואו מ'האט געשאסן סוועט, און דער שטריך אביסל העכער פון דעם וואס גייט איבער די ברייט פון די מאפע איז די גרעניץ פון קאנאדא.

אויס אז ער איז שוין געווען אזוי פארצווייפעלט דאנערשטאג נאכט, איינזעענדיג אז ער קען זיך נישט ארויסזען פון די באלאגערונג, אז ווען ער האט געזען די פלעשער בראנפן האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן און האט זיך אנגעטרונקען. דאס האט ווארשיינליך געפירט צו זיין טויט, וואס צוליב דעם האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן פון הוסן וואס אזוי האט מען אים געכאפט און געשאסן.

עס איז א סברא אז אויב סוועט וואלט אויך געווען מיט מעט דאנערשטאג נאכט, וואלט ער אים פילייכט געווארענט אז ער זאל נישט צופיל טרונקען, ווייל ווען מ'ווערט שיכור פארלירט מען דעם 100 פראצענטיגן קאנטראל אויפ'ן מח, און מ'קען באגיין א פאטאלן טעות אזוי ווי מ'האט טאקע געזען מיט מעט. אויב סוועט איז שוין דאנערשטאג אדער פריער געווען אפגעזונדערט פון מעט, מיינט דאס נאכנישט אז אים איז יא געלונגען צו אנטלויפן קיין קאנאדא אדער ארויס פון די וועלדער, ווייל זינט מ'האט געפונען די "דין עי", עטליכע טעג פריער, האט מען דאך פיל שטרענגער אנגעהויבן זוכן אין די געגענט.

אלענפאלס, מ'האט שב"ק ווייטער געזוכט דעם צווייטן מערדער, אבער מ'האט לייכטער אפגעאטעמט אז מ'האט כאטש איינעם פון די 2 געפערליכע מערדער באוויזן צו הרג'נען.

מ'זעט אז מ'האט געכאפט מעט ביי לעיק טיטוס, וואס איז ארום 30 מייל פון דענעמארא. דאס מיינט אז די פארשידענע טיפס וואס מ'האט ערנסט אויפגענומען, וואס צוליב דעם זענען איבער 800 "זוכער" ארומגעפארן זוכענדיג אין א שטח פון 400 מייל איז עס פאקטיש געווען ארויסגעווארפענע ארבעט, אבער ביי די זאכן לאזט זיך נישט זיין קיין איבער-חכם, מ'מוז נאכזוכן יעדן שפיר, ערנסט נעמען יעדן טיפ, ביז דאס מזל שפילט אז מ'כאפט דעם וועמען מ'זוכט.

גאווערנאר קואמא איז באלד אריבערגעפלויגן מיט זיין העליקאפטער פרייטאג נאכמיטאג צו קענען אנפירן מיט די פרעסע קאנפערענץ צו ווייזן אז ער פערזענליך פירט אן מיט די אקציעס צו כאפן די 2 אנטלאפענע מערדער... (פאקטיש איז מעט געכאפט און געשאסן געווארן דורך פעדעראלע גרעניץ וועכטער, אבער פרעזידענט אבאמא איז נישט געקומען צו פליען; ער זוכט נישט איצט קיין ביליגע פובליסיטי, ווייל ער וועט דאך שוין קיינמאל נישט לויפן פאר קיין שום פאליטישן אמט...)

אגב, האט א האלבער-ברודער פון מעט, וועין שימף, געזאגט פאר די פרעסע און מידיא אז ער האט זיך געשפירט ערלייכטערט ווען ער האט געהערט אז מ'האט שוין גע'הרג'עט מעט. ער מיט זיין פרוי האבן עדות געזאגט קעגן מעט ביי זיין מארד פראצעס, און האט אלץ געלעבט אונטער א פחד אז אויב עס וועט געלונגען פאר מעט צו אנטלויפן פון טורמע וועט ער קומען נקמה נעמען אין אים.

*

מעט איז פאראורטיילט געווארן צו די מאקסימום שטראף וואס מ'קען געבן אין ניו יארק פאר א מערדער, ביי צווייטע גראד מארד, (ערשטע גראד איז נאר אויב מ'הרג'עט א פאליסמאן אדער אנדערע געזעץ אינסטאנצן) וואס איז לעבענסלענגליכע טורמע, מיט א מינימום פון 25 יאר פאר מ'קען אפילו באטראכט ווערן אויף פאראל. זייער זעלטן טרעפט זיך אז א מערדער זאל ארויס אויף פאראל ביי די ערשטע געלעגענהייטן.

ריטשארד מעט וואלט ווארשיינליך קיינמאל נישט ארויס אויף פאראל צוליב די ברוטאליטעט פון דעם קידענפן-מארד וואס ער האט דורכגעפירט אויף זיין געוועזענעם באלעבאס וועמען ער האט געפייניגט, טראכטענדיג אז יענער האט עפעס געלט וואס ער קען אים ארויסגעבן. דערנאך האט ער אים אריינגעשליידערט אין טראנק פון קאר ארומפארענדיג 27 שעה מיט אים, אפשטעלענדיג זיך אונטערוועגנס, ווען ער האט נאכאמאל געפייניגט דעם עלטערן 71 יעריגן ריקערסאן. ענדליך האט ער אויפגעגעבן, ער האט באשלאסן אז ער וועט טאקע נישט ארויסבאקומען געלט פון יענעם, האט ער אפגעשטעלט די קאר, דער אלטער האט שוין קוים געקרעכצט, אזוי האט אים מעט מיט די אייגענע הענט גע'הרג'עט און שפעטער צושניטן און אריינגעווארפן אין ים.

אזעלכע סארט מערדער לאזט מען קיינמאל נישט ארויס פון טורמע.

*

דאס זוכן דעם צווייטן מערדער איז שב"ק און זונטאג צופרי געגאנגען זייער שווער, ווייל עס האט זייער שטארק גערעגנט. דער וואלד איז דארט אזוי געדיכט אז מ'זעט נישט מער ווי א 2 פיס פאר די נאז. די אינסטאנצן זאגן אז דאס מאכט אבער נאך שווערער דאס לעבן פאר דעיוויד סוועט, און זיי זענען איבערצייגט אז סוועט ליידט נישט בלויז פיזיש, נאר ער ליידט אויך זייער שווער גייסטיש. זיין מח קען נישט פונקציאנירן נארמאל אונטער אזעלכע שווערע אומשטענדן, איבערהויפט אויב ער ווייסט אז מ'האט שוין געכאפט און גע'הרג'עט זיין קאלעגע מיט וועמען ער איז אנטלאפן.

דאס מיינט אבער אויך אז סוועט איז איצט פיל געפערליכער, ווייל ער קען שוין נישט טראכטן נארמאל. א משוגע'נער געפערליכער מערדער איז נאך ערגער ווי עמיצער וועמענ'ס מח ארבעט יא.

די 2 מערדער זענען נישט זייער פארזיכטיג געווען, אדער פילייכט קען מען נישט זיין אזוי פארזיכטיג, ווייל מ'האט געטראפן פינגערפרינטס, די פאפירלעך אין וואס קענדיס זענען איינגעפאקט, פלעשער פון וואס מ'האט געטרונקען און אויך שמוציגע וועש, האט דאס אלעס באשטעטיגט פאר די אינסטאנצן אז זיי זוכן אין די ריכטיגע ריכטונג.

דער לאקאלער שעריף קעווין מאלווערהיל האט פאראויסגעזאגט מיט א פעסטקייט זונטאג צופרי, אז ביז דינסטאג וועט מען כאפן סוועט, און ער גלויבט אז דאס וועט קומען ווען עמיצער וועט אריינטעלעפאנירן אז מ'האט אים ערגעץ געזען. עס איז אוממעגליך פאר עמיצן וואס קען נישט שלאפן געהעריג, קען נישט עסן געהעריג און מוז האלטן אין איין ארומלויפן, צו פארהיטן זיך פון מאכן א טעות, און אזוי וועט מען אים כאפן. עס גייט נאך שווערער פאר סוועט ביים ארומלויפן אליין, וואס ווען די 2 זענען געווען אינאיינעם, האט איינער געקענט "דעקן" דעם צווייטן. צב"ש, ווען איינער איז געשלאפן האט דער צווייטער געהיטן, א.א.וו.

מוצ"ש איז געשטיגן צו 1,200 די צאל וואס האבן אים געזוכט, און ווען מ'האט זונטאג פארטאגס געזען דעם שווערן וועטער און מ'האט נאך אלץ נישט געכאפט סוועט, איז דער אפטימיזם פון פרייטאג נאכמיטאג צוביסלעך אויסגערינען, מ'האט איינגעזען אז מ'וועט נאך מוזן שווער ארבעטן ביז מ'וועט אים כאפן.

## צווייטער מערדער געכאפט זונטאג נאכמיטאג

זונטאג נאכמיטאג איז געקומען דער באריכט אז עס איז געלונגען צו כאפן דעיוויד סוועט, אין קאנסטעבל, ניו יארק, וואס אויך דאס איז ארום 39 מייל פון די דענאמארא טורמע, און ארום 16 מייל פון וואו מ'האט געשאסן מעט, ביי לעיק טיטוס. קאנסטעבל איז בלויז אנדערטהאלבן מייל פון די קאנאדער גרעניץ, וואס ווייזט אז ער האט טאקע פרובירט צו דערגרייכן און אריבערשווערצן זיך די גרעניץ קיין קאנאדא.

עמיצער האט מוצ"ש טעלעפאנירט אז מ'האט געזען עמיצן וואס קען זיין דעיוויד סוועט, האבן זיך באלד אראפגעלאזט מחנות אגענטן און פאליציי וואס האבן באלאגערט יענעם גאנצן שטח ביי קאנסטעבל.

זונטאג נאכמיטאג האט א סטעיט פאליס סארדזשענט וועלכער צייכנט זיך אויס מיט לערנען שיסן, באמערקט ווי סוועט גייט אויפ'ן שאסיי אין זיין ריכטונג. דער סארדזשענט האט באלד אויסגעשריגן א באפעל אז סוועט זאל זיך אפשטעלן, אבער סוועט האט זיך באלד אויסגעדרייט און אנגעהויבן צו אנטלויפן. דער סארדזשענט האט אים נאכגעשאסן און ערנסט פארוואונדעט. סוועט איז אפגעפירט געווארן צו א שפיטאל אין מעלאן, פאר באהאנדלונג.

עס זענען פארהאן פארשידענע געשיכטעס ווער אלס ס'האט צו ערשט אינפארמירט די פאליציי איבער סוועט, און עס איז פארשטענדליך ווייל עס איז דא א הונדערט טויזנט דאלאר פאר אינפארמאציע וואס האט ערמעגליכט אים צו כאפן, וויל יעדער זיין א שותף אין דעם געשעפט...

פאליסלייט און אנדערע געזעץ אינסטאנצן זענען נישט בארעכטיגט צו קיין באלוינונגען, ווייל זיי באקומען דאך באצאלט פאר זייער ארבייט; דאס איז דאך זייער דזשאב צו כאפן פארברעכער. ציווילע מענטשן, אדער אפילו אנדערע פארברעכער וואס מסר'ן, זענען יא בארעכטיגט צו באלוינונגען, און טאקע פאר זיי איז געצילט ווען מען מעלדט א גרויסע באלוינונג ווייל די רייץ פון געלט איז אפטמאל גענוג שטארק אז עס זאל ברענגען אפילו פאמיליע מיטגלידער צו פארראטן איינעם וואס איז א געפערליכער פארברעכער. מען בארואיגט דעם אייגענעם געוויסן אז מען האט דאס געטאן צוליב פאטריאטיזם, פאר'ן וואוילזיין פון די געזעלשאפט, און אינאיינוועגס אויב מען באקומט דערפאר א פאר דאלאר, נו, מהיכי תיתי פארוואס זאל מען נישט נעמען א פאר דאלאר אויב מען קען דאס באקומען?...

אט איז איין געשיכטע ווי אזוי מען האט געכאפט סוועט:

ווען דער סטעיט פאליציי סארדזשענט דזשעי קוק האט ארום 3:30 נ.מ. באמערקט סוועט "דזשאגן" ביי די זייט פונעם וועג, ארום 2 מייל פון די קאנאדער גרעניץ און האט אים באפוילן אפצושטעלן זיך און האט אנגעהויבן צו אנטלויפן, האט ער אים נאכגעשאסן און 2 פון די קוילן האבן געטראפן אין ציל.

קוק האט לכאורה צום ערשט געהייסן פאר דעם פארדעכטיגן פארשוין צו קומען צו אים, ער האט געוואלט הערן מער פון אים, ערשט ווען ער האט זיך טאקע אויסגעדרייט מיט'ן פנים צו קוק, האט ער דערקענט אז דאס איז דעיוויד סוועט, דער געזוכטער מערדער. צום ערשט האט ער אויסגעזען ווי סתם אזוי א "דזשאגער", עמיצער וואס לויפט פאר שוואוילטאג. ווען קוק האט געזען אז דאס איז דער ריכטיגער חברה מאן, האט ער באלד פארשטאנען די ערנסטקייט פונעם מצב, און אויך סוועט האט אנגעהויבן צו אנטלויפן אויפ'ן וועג אריין צו די וועלדער.

קוק איז געווען אליין אויף א פאטראל מיסיע, האט ער אנגעהויבן נאכצולויפן און ווען ער האט געזען אז ער וועט נישט כאפן סוועט פאר ער וועט אנקומען צום וואלד, האט ער אים געשאסן, וויסנדיג אז טאמער סוועט קומט יא אריין אין וואלד, פארלירט מען אים נאכאמאל אויף ווער-ווייסט-ווי-לאנג. און אזוי ווי קוק האט געהאט דעם אויסגעשטרעקטן גאן, האט ער נישט מורא געהאט אויב יענער וועט פרובירן ארויסצוכאפן אן אייגענעם גאן, ווייל קוק איז שוין געווען מיט די פינגער אויפ'ן צינגל, גרייט אין א רגע צו שיסן. ווייזט אויס אז סוועט, אפילו אויב ער האט טאקע געהאט א גאן ביי זיך, האט אויך פארשטאנען דעם זעלבן חשבון, אז ער האט קיינע אויסזיכטן צו געווינען א שיסעריי פארמעסט מיט דעם סטעיט טרופער, האט ער פרובירט זיין מזל צו אנטלויפן. דער טרופער האט דאך געהאט בלויז אן איינפאכן גאן אין די האנט, וואס דאס טרעפט נישט אלס אזוי גענוי אין ציל ווען מען שיסט נאך עמיצן וואס אנטלויפט. צו סוועט'ס שלימזל, האט ער אבער





ביים זוכן אין די געדיכטע וועלדער

פונקט אנגעטראפן אין א סטעיט טרופער וואס לערנט אנדערע טרופערס ווי אזוי צו שיסן, און דער סארדזשענד האט טאקע געטראפן אין ציל, צוויי קוילן האבן אריינגעשאסן אין קערפער פון סוועט וועלכער איז געפאלן שווער פארוואונדעט, כאטש ער האט נישט פארלוירן דעם באוואוסטזיין.

די אנקומענדיגע טרופערס האבן געזען אז סוועט האט זייער שטארק געבלוט, וואס האט געוויזן אויף די ערנסטקייט פון זיינע וואונדן, אבער ער איז נישט געווען באוואוסטלאז. מ׳איז אינטערעסירט געווען צו ראטעווען זיין לעבן, מיט די האפענונג ארויסצובאקומען פון אים אינפארמאציע און איינצלהייטן ווי אזוי זיי זענען אנטלאפן, און ווער עס האט זיי געהאלפן אנטלויפן.

וויבאלד די נייעס איז באקאנט געווארן, האט זיך גאווערנאר קואמא אריבערגעכאפט אפצוהאלטן א פרעסע קאנפערענץ... ווען גאווערנאר קואמא האט אפגעהאלטן זיין פרעסע קאנפערענץ האט ער אויך פערזענליך גראטולירט סארדזשענד קוק פאר זין העלדישקייט.

מען האט באלד געוויזן בילדער פון דעם פארוואונדעטן סוועט מיט פארגליווערטע בלוט אויף זיין שטערן, און דערנאך איז געקומען בילדער ווי ער האט שוין אקסיגען אויפ׳ן פנים, און שפעטער ווי די אמבולאנסן יאגן זיך מיט פאליציי באגלייטונג צום שפיטאל אין מאלאן וואו מען האט סטאביליזירט סוועט, און דערנאך האט מען אים אריבערגעפירט צו א גרעסערן שפיטאל אין אלבאני וואו ער איז נאך אלץ געווען אין א קריטישן צושטאנד. ערשט ווען זיין מצב וועט בעסער ווערן, וועט מען אים קענען אנהויבן אויספרעגן.

גאווערנאר קואמא האט מאנטאג געזאגט אז די 2 מערדער האבן געוואלט אנטלויפן קיין מעקסיקא, אבער זייער ״רייד״ האט זיך נישט אויסגעארבעט.

*

דער מערדער, דעיוויד סוועט, האט באקומען לעבענסלענגליכע טורמע אן מעגליכקייט פאר פאראל, ווען ער האט גע׳הרג׳עט קעווין טארסיע א געהילף שעריף, יולי 4, 02׳, ווען טארסיע האט געכאפט סוועט מיט צוויי פריינט צוטיילן זיך מיט די פארדינסטן פון זייער גניבה ווען זיי האבן באראובט א פייערוואורק גאן געשעפט אין פענסילוועניע. סוועט האט מערערע מאל געשאסן טארסיע און ווען ער האט נאך געלעבט, איז ער אים איבערגעפארן מיט זיין קאר. ער האט באקומען די מאקסימום שטראף פאר ערשטע גראד מארד.

מיר האבן שוין געשריבן אז מען האט פארדעכטיגט אז סוועט איז שוין נישט הונדערט פראצענט ביים פולן זינען צוליב די שוועריגקייטן פון אנטלויפן אין אזא וועטער. זיין אויפפירונג וואס האט געפירט אז מען זאל אים כאפן באשטעטיגט די דאזיגע השערה (אפשאצונג) ווייל לויט איין באריכט האבן יוגענטליכע ביי די גראדועישאן פארטי געזען סוועט ארומפארן אויף א ביציקל. דאס אליין אז ער איז געגאנגען אויף דעם שאסיי ווען ער האט געזען דערויף א טרופער ווייזט אויך אז ער האט נישט געהעריג איבערגעטראכט זיין מצב, ער איז נישט גרייט געווען ווי אזוי צו רעאגירן ווען דער טרופער האט אנגעהויבן רעדן צו אים, האט ער זיך אויסגעדרייט און אנגעהויבן צו אנטלויפן, ווי אין א פאניק, נישט ווי דער געלונגענער פארברעכער וואס האט צוגעשטעלט אזא מייסטערהאפטע ארבייט ביים ארויסבאקומען זיך פון די טורמע פון וואו קיינער קען נישט אנטלויפן.

מעט האט געזאגט יארן צוריק אז אויב ער אנטלויפט, וועט ער קיינמאל נישט צוריקקומען אין די טורמע, ער וועט ענדערש שטארבן. ווייזט אויס סוועט איז נישט געווען אזא ״העלד״. ער האט טאקע געקענט שיסן א געהילף שעריף, אבער ווען עס קומט צו זיך אליין, איז ער פארט נישט גרייט געווען צו שטארבן, כאטש ער האט געוויסט אז עס ווארט אויף אים זייער שווערע צייטן סיי ביים ערהוילן זיך אויב ער וועט איבערלעבן דאס שיסעריי פונעם טרופער און דערנאך ווען מען וועט אים צוריק אריינשליידערן אין די טורמע וואו יעדער וועט זיך מיט אים אפרעכענען.

אויב סוועט וואלט געוואלט ברענגען זיין לעבן צו אן ענדע, וואלט ער אנגעהויבן צולויפן צום טרופער, אזוי וואלט אים דער טרופער זיכער דערשאסן צום טויט.

*

דאס אנטלויפן פון דענעמארא איז נישט געווען דאס ערשטע מאל וואס סוועט האט זיך אריינגעלאזט אין פלענער וואס האט פארלאנגט פון אים צו פארשטיין אינדזשענירונג און ארכיטעקט וויסנשאפט ביים אויספלאנירן זיינע פארברעכנס. אין 96׳, ווען סוועט איז נאך אלט געווען בלויז 16 יאר, האט ער מיט נאך א יונגענטליכן פרובירט צו גנב׳ענען א קאמפיוטער און קעש פון א ״האום״ (היים פאר פראבלעמאטישע קינדער) וואו זיי זענען געווען. דער דערפאלג פונעם פלאן איז געווען געוואנדן טיילווייז אין איינשאפן זיך די ארכיטעקט צייכענונגען פון די האום, אז זיי זאלן וויסן וואו מען גייט און וואו מען קריכט ארום.

אין אן אנדערן אינצידענט ווען סוועט איז פאראורטיילט געווארן פאר א גניבה, האט מען שפעטער געטראפן אין זיין טורמע קעמערל א ליסטע פון זיינע צוקונפטיגע פארברעכנס וואס ער האט געהאט אין פלאן. אזוי פונקטליך האט סוועט פלאנירט זיין קאריערע.

אויך איצט זעט מען אז ער האט געלעבט מיט א חשבון, ווייל סוועט האט איבערגעלאזט ״די ען עי״ עקזאמפלערן אויף א פעפער-מעסטל, א מייל פון דעם ארט וואו מען האט געשאסן מעט פרייטאג, דאס פעפער האבן די מערדער אויסגעשפריצט אונטערוועגנס, צו שטערן די שמעק-הונט, אזוי ווי מען האט געוויזן אין א פאפולערן ״פילם״ באלד 40 יאר צוריק, און עס טאקע געארבייט! אבער דאס פעפער-מעסטל האט אויך געהאט אויף זיך ״די ען עי״.

*

די איינוואוינער פון די שטעטלעך און דערפלעך אין די אומגעגענט פון דענעמארא האבן אפגעאטעמט לייכטער, זיי האבן געדאנקט דעם באשעפער אז דער קריזיס איז שוין פאריבער,ביידע מערדער זענען שוין ״ערלעדיגט״ און מען דארף שוין נישט מורא האבן ארויסצוגיין פון שטוב. מען קען זיך נישט פארשטעלן וואס פארא פיין עס איז געווען פאר יענע איינוואוינער אז זיי האבן דריי וואכן נישט געטארט גיין שפאצירן אין די וועלדער, ווען דאס איז ״זייער לעבן״, פאר דעם וואוינען זיי דאך אין אזעלכע שטעטלעך.

*

וואס וועט איצט ווייטער זיין מיט סוועט? ער וועט אנגעקלאגט ווערן אויף א צאל פארברעכנס אין צוזאמענהאנג מיט זיין אנטלויפן, און כאטש זיי קענען נישט געבן מער שטראף ווי ער האט שוין, ווייל מען קען דאך נישט צולייגן נאך יארן צו א טורמע אורטייל וואס איז אויפ׳ן גאנצן לעבן אן קיין מעגליכקייט פאר פאראל, מוז אבער די לעגאלע פראצעדור אנגיין, ווייל אמעריקע איז א לאנד פון געזעץ...

וויכטיגער פון דעם וועט זיין די אויספארשונגען אויף סוועט, און וויפיל פארלעסליכע אינפארמאציע מען וועט ארויסקוועטשן פון אים, אויסצוגעפינען ווער אלץ עס האט זיך באטייליגט אין די קאנספיראציע צו ערמעגליכן דאס אנטלויפן.

מען זעט דאך אז מעט און סוועט זענען געווען ״מוסרים״, זיי האבן איבערגעגעבן אינפארמאציע פאר די טורמע וועכטער אויף אנדערע ארעסטאנטן (דאס אליין איז א פארזיכערונג אז אויב סוועט וועט צוריק אנקומען אין טורמע, וועט ער נישט צו לאנג בלייבן לעבן, ווייל די אנדערע ארעסטאנטן וועלן זיך אפרעכענען מיט אים) ממילא, אויב סוועט וועט קענען ארויסבאקומען עפעס א בענעפיט, וואו אז מען זאל אים אריבערפירן אין אן אנדערע טורמע, וועט זיין אין די אינטערעסע פון אים יא צו קאאפערירן מיט די אויספארשער. צום ערשט דארף אבער סוועט ערהאלן זיך פון זיינע שווערע וואונדן, און דערנאך וועט מען זען וואס ווייטער.

*

די אויספארשונגען גייען נאך אלץ אן ווי אזוי די 2 האבן געקענט אנטלויפן, ווער אלץ עס האט זיי געהאלפן. ביז דערווייל האט מען ארעסטירט 2 טורמע ארבייטער, דזשאיס מיטשעל, פאר באהאלטן די מעסערלעך אין א שטיק ״העמבורגער״ פלייש, וואס א צווייטער וועכטער, דער 57 יעריגער דזשין פאלמער וועלכער איז ארעסטירט געווארן, האט דערנאך איבערגעגעבן פאר די מערדער. פאלמער טענה׳ט אז ער האט נישט געוואוסט אז דאס פלייש האט געהאט אין זיך די מעסערלעך מיט וואס מ׳קען שניידן אייזן, אבער דאס בלויזע איבערגעבן דאס פלייש איז אויך געווען אומלעגאל, ווייל אויב מ׳גיט כאטש וואס פאר אן ארעסטאנט וואס מ׳ברענגט אריין פון אינדרויסן איז דאס ״קאנטראבאנד״, און מ׳ווערט שטרענג באשטראפט אויף דעם.

מ׳האט אים ארויסגעלאזט דאנערשטאג אויף $25,000 בעיל, ביז צו א ווייטערדיגן פארהער מאנטאג. מ׳האט נישט קיין שום באווייזן אז פאלמער האט געוואוסט אז ער שמוגלט אריין די מעסערלעך.

אויך האט פאלמער מודה געווען אז ער האט געגעבן פאר מעט פעינט און בערשטלעך, און ער האט געליגען פאר מעט צווענגלעך און א שרויפנציער 4 מאל אין די פארגאנגענע 8 מאנאטן. ער האט אויך ערלויבט פאר סוועט צו קריכן אויף א ״קעטוואק״ (דאס איז דאס שמאלע פלאץ צווישן די ווענט וואס דארט זענען די 2 מערדער געקראכן ביים אנטלויפן פון די טורמע) אז ער זאל טוישן געוויסע עלעקטרישע דראטן, אז עס זאל לייכטער מאכן פאר די ארעסטאנטן צו קענען קאכן אין זייערע קעמערלעך. שפעטער האבן די 2 מערדער גענוצט דעם קעטוואק ביים אנטלויפן!

פאלמער האט זיך פארענטפערט אז ער האט געטאן די טובות פאר די 2 מערדער ווייל זיי האבן אים צוגעשטעלט אינפארמאציע איבער אומלעגאלע אקטן פון אנדערע ארעסטאנטן. אין אנדערע ווערטער, די 2 זענען געווען ״מוסרים״, האט ער געהאלטן אז ער באגייט נישט קיין פעלער ווען ער טוט עפעס טובות פאר זיי.

א וואך פאר זייער אנטלויפן האט פאלמער איבערגעגעבן פאר מעט א פונט געפרוירענע געמאלן פלייש וואס מיטשעל האט איבערגעלאזט אין פרידזשידער אין די שניידעריי. אין דעם פלייש האט זי באהאלטן די מעסערלעך מיט וואס זיי האבן דערנאך געקענט אנטלויפן. דאס פלייש איז געווען 12 אינטשעס לאנג, 5 אינטשעס ברייט, און 2 אינטשעס דיק. פאלמער וואלט געדארפט דורכפירן דאס פלייש דורך א מעטאל דעטעקטאר, אבער ער האט עס נישט געטאן.

די אויספארשער האבן אויך פעסטגעשטעלט אז טורמע וועכטער זענען מעגליך געשלאפן ווען די 2 מערדער זענען אנטלאפן!




דאס צעטעלע מיט וואס די מערדער האבן זיך גערייצט ביי זייער אנטלויפן פון טורמע...